# קול תורה קלינגט אפ אין די קעטסקילס פון לומדי כולל להוראה מראה יחזקאל

סוואן לעיק-ליבערטי. - שוין יארן לאנג וואס מחנה מראה יחזקאל איז באוואוסט פאר א מקום תורה והוראה, זייענדיג די אכסניא פאר פילע תלמידי חכמים, דיינים, מורי הוראה בישראל, ועל צבאם כ"ק הגאון הגדול ר' יחזקאל ראטה שליט"א גאב"ד קארלסבורג, וואס דעריבער האט עס אלעמאל געצויגן לומדים אהינצוקומען לערנען, דאס יאהר איז אבער פילפאכיג פארמערט געווארן דער שטראם פון לומדים חשובים, מיטן ערעפענונג פונעם 'כולל להוראה – מראה יחזקאל', וואס נעמט אריין אין זיך עטליכע צענדליגע חשובע יונגעלייט מסלתה ומשמנה פון אלע היימישע קרייזן, לומדים מופלגים, וואס זענען עוסק בתורה בנאות דשא, צו ביי די טישלעך אויף די גראז, צו אין אפגעקילטן ברייטן ביהמ"ד וועלכע איז צו אלע צייטן צוגעשטעלט מיט קאווע, מילעך, קיכלעך להחיות בהם נפשם, און ספעציעל די נייע גרויסע אוצר הספרים פול מיט ש"ס'ן, טוש"ע, און די נושאי כלים אא"וו, וואס דאס אלעס גיבט א הרחבת הדעת צו קענען שטייגן על במתי התורה וההוראה כראוי וכנכון.

פאראנגאנגענעם ר"ח תמוז איז לכבוד'ן פתיחת הכולל פארגעקומען א פראכטפולער סעודת ר"ח, מיט די באטייליגונג פון חשובע רבנים מתושבי המחנה, ווי צ.ב. הרה"ג המפורסם ר' צבי אויש שליט"א אבד"ק וואלקאן, הרה"ג אבד"ק מישקאלץ שליט"א, הרה"צ אב"ד מראה יחזקאל שליט"א, דער ראש הכולל הרה"ג ר' שלמה אברהם פאללמאן שליט"א, הרה"ג דומ"ץ אוסטריק שליט"א און נאך, א ספעציעלער גאסט איז געקומען צו גיין הרה"ג ר' יצחק אהרן גאלדבערגער שליט"א מרבני ק"ק פאפא ומגדולי תלמידי כ"ק הגאב"ד קארלסבורג שליט"א וועלכער האט אויפגעטראטן מיט א לענגערע פייערליכע דרשת פתיחה פאר די חשובע לומדים, וואספארא זכי' זיי האבן אז זיי זיצן און הארעווען ומה גדול חלקם בזה ובבא.

פון צייט צו צייט האט מען די געלעגנהייט צו הערן גאר רייכע שיעורים פון די גדולי תלמידי החכמים חוני המחנה וועלכע זענען די שיינקייט פונעם כולל, ווי הגה"צ ר' יקותיאל טייטלבוים שליט"א ראה"כ תו"י סאטמאר וומסב"ג, און הרה"ג דומ"ץ דעברעצין שליט"א און נאך, וואס דאס גיבט צו ברייט ידיעות בסוגיות שונות.

דאס ספעציעלקייט פונעם כולל איז נאך פילפאכיג מער ווען עס איז אין די גאנצע מאונטענס - ווי ס'געפונען בלעה"ר טויזנטער משפחות כ"י – פון די סאמע איינציגסטע כוללים, ווער רעדט נאך פון דעם בית הוראה וואס איז שוין מפורסם יארן לשם ולתהלה וועלכע ווירבלט מיט שואלים בדבר ה' זו הלכה.

די געשמאקע אטמאספערע און די שיינע צוזאמשטעל פון די אלע דערמאנטע מעלות, האט געברענגט אז די חשובע לומדים האבן אויסגעדרוקט זייער האפענונג אז דער כולל זאל טאקע ממשיך זיין אין שטאט – בארא פארק – אויף קומענדיגן זמן החורף הבעל"ט ווי דער פלאן איז אי"ה, אז זיי זאלן ווייטער קענען עוסק זיין אין זייערע ראמען מיטן תענוג רוחני ווי דאהי.

עס בלייבט נאר איבער צו וואונטשן פאר די חשובע הנהלה און לומדי ורבני הכולל אז יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, עדי נזכה לביאת גואל צדק בב"א.





# סעודת הילולא פון הגה"ק בעל "אך פרי תבואה" מליסקא זי"ע

## וועט פארקומען אי"ה קומענדיגן מיטוואך אווענט פ' ואתחנן אין ליסקא בית המדרש

קומענדיגן מיטוואך י"ד אב פאלט אויס די הילולא קדישא פון הגה"ק רבן של ישראל רבי צבי הירש זצוק"ל אבד"ק ליסקא, באקאנט אלס דער 'אך פרי תבואה' נאך זיין הייליגן ספר.

הגה"ק מליסקא זי"ע איז געווען בשעתו פון די גרעסטע מנהיגי החסידות און אונגארן, וועמענס נאמען איז פאראייביגט געווארן ביי חסידים לדורי דורות. טויזנטער אידן פלעגן קומען ביום ההילולא על ציונו הקדוש אין שטאט ליסקא און זיך אויסבעטן ישועות ורפואות בגוף ובנפש. ווי דער 'אך פרי תבואה' זעלבסט האט געזאגט איידער זיין פטירה: "זארגטס ענק נישט, איך וועל אויפטוהן מער אין די זאקן, ווי אין די שיך", מיינענדיק מיט דעם אז ער ווערט ווייטער ארויס העלפען פאר ווער עס קומט נאר צו מתפלל זיין ביי זיין ציון.

אזוי אויך עד היום פארן אידן מארבע כנפות הארץ קיין ליסקא זיך מתפלל זיין און זיך אויסבעטן אויף דעם הייליגן מקום. בפרט נאך דעם וואס מיט עטליכע יאר צוריק איז דער בית החיים און דער אוהל הקדוש פון רבותיה"ק מבית ליסקא ה"ה בעל אך פרי תבואה זי"ע וחתנו וממלא מקומו בעל טל חיים זי"ע, צוריקגעשטעלט געווארן אין ארדענונג, מען האט איבערגעבויט דער גדר אויף די פריעדיגע יסודות, אין אריין געצויגען לעקטער צו קען באלייכטען אינעווייניג אינעם אוהל הקדוש.

ווי יעדעס יאר וועט אויך היי יאר פארקומען די סעודת הילולא אין דעם ליסקא בית המדרש 1449 50 סט. מיטוואך אווענט פרשת ואתחנן, אור ליום חמישי - י"ד אב, דער סעודה וועט זיך אנהייבען תיכף נאך תפלת מעריב, זמן תפלת מנחה ומעריב איז 8:45, דברי תורה ועובדות ממרן בעל הילולא זי"ע וועט געהערט ווערן דורך'ן ממשיך שושלת הקודש כ"ק מרן אדמו"ר מליסקא שליט"א.